# נסים ונפלאות

* * *

פאלעסטינא ווערט געבויט
גאר אן קאטאוועס

טאקי גאר אויף נסים,
נסים ונפלאות

יעדע פארטיי שיקט אהער
אירע דעלעגאטען

און מ'שלעפט אויף מיטינגען
פון אלע זייטען

יעדער שליח קומט צו געהן
מיט זיינע אייגענע סברות

און דעם צווייטענס זאגט ער
טויגען אויף כפרות

די זייאניסטען זענען איצט
די גאנצע בעלי דעות

ווייל זיי פארמאגען דאך
די צוגעזאגטע מאות

די פועלי ציון וואלטען
געגעבען טאקי מזומנים

נאר זיי זענען במחילה
גרויסע קבצנים

איתמר בן אבי
טוט אלין גאט בעטען

ער זאל אים צושיקען
א מוסאליני א צווייטען

די בני בנימין וואלט ער אנטון
אין שווארצע העמדלעך

און וואלט זיי נאך צוגעפוצט
מיט בלאה און ווייסע בענדליך

זשאבאטינסקי מוט אלס
און ס'וואלט אויך גאר ניט שאדן

אז מיר זאלען האמש פארמאגען
אן אייגען פאלק סאלדאטען

און די מאנדאטען מאכט
איז נאך אלין פון אלעם פטור,

זי הערט יעדען איינעם
ווי דעם קאטער

נאר נישט געזארגט
ס'קומט שוין באלד די נחמה

לואי מארשאל און אייב קאהן
געבען דאך שוין זייער הסכמה

ס'איז צו האפען אז די בונדיסטען
און די קאמוניסטען

וועלען אין גיכען ווערען
הייסע ציוניסטען

און די פרייהייט וועט נאך האבען
דעם גרויסען כבוד

און וועט זיך דרוקען
מיט א גרויסען מגן-דוד.

שלמה לאיטמאן.

---



כע און גערעכטע לעבענס-פארמען, נאר ווייל זי איז אין מערסטע פאלען די איינציגע מעגליכע און ערפאלגרייכע. באזונדערס איז עס נויטיג אין די ערשטע יארן פון קאלאניזאציע, ווען מען מוז

די פועלי ציון באוועגונג איז אן אלוועלטליכע אין איר כא-כאראקטער, אין אירע באשטרעבונגען און ארגאניזאציאנס פארם. מיר זיינען אנגעשלאסען אן דעם ציוניסטישען קאנגרעס דורך וועלכען מיר זוכען משפיע צו זיין אויפ'ן בירגערליכען ציוניזם, לטובת אונזערע ארבייטס-פלענער אין ארץ ישראל. מיר זיינען אויך אנגעשלאסען אן דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל וואו, אויסער דער שטרעבונג צו געווינען אין יענע ארבייטער ספערען די סימפאטיען און פארשטענדעניש פאר אונזערע אידעען, קאאפערירען מיר אין דעם רייניסטען פארזוך צו פארענטפערען פילע נויטען און פראבלעמען פון דעם אלוועלטליכען ארבייטער-קלאס.

אונזער אמעריקאנער פארטיי איז גלייכצייטיג א טייל פון דער אלוועלטליכע פועלי ציון באוועגונג, וועלכע האט פאר זיך א רייכען רעקארד פון פילע וויכטיגע קאמפס-עפאכען און דערגרייכונגען, אבער גלייכצייטיג פון אזעלכע שווערע און קאלאסאל וויכטיגע אויפגאבען. מיר זיינען ערשט אין מיטן פון אונזער ארבייט. פילע אידעאישע נצחונות האבען מיר געהאט, אבער נאך פילע שוועריגקייטען האבען מיר אין פאראויס. און דערפאר, דארפען מיר האלטען אין איין שטענדיגען זארגען ווי אזוי אונזערע אידעאלען צו פארשפרייטען.

## א „קראַפט" צום דריטן סדר.

פון בערל ביגאל

דער „יונגער" פּאָעט—אַט אזוי שטעלט ער זיך אליין פאָר — נחום־יאַנקעל בן ר' חיים־שלמה הכהן נאָגעלשניידער האָט אַוועקגעקלאַפּט אַ טעלעגראַמע בזה הלשון:

„איך פאָר. קיין קבלת־פּנים ניט."

און אַ זיסער שמייכל האָט זיך איבער זיין פּנים צושפּרייט טראַכטענדיק פון דעם גוטן איינדרוק וואָס אַט די טעלעגראַמע וועט מאַכן אין שטאָט, און ווי קינד און קייט וועט לויפן אים אַנקוקן, דעם גרויסן עניו, וואָס וויל קיין פּאַראַדן. דאָס בלאַנדע מיידעל וואָס איז געזעסן קעגן אים אין וואַגאָן האָט, ווייזט אויס, דעם שמייכל שלעכט פאַרשטאַנען. האָט זי אויף אים אַ בייזן קוק געטאָן )אָדער, בעסער, אַ „דירטי לוק" געגעבן) אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן פּלייצע און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין אַ זשורנאַל מיט אַ סך מענטשלאַך.

אָבער דער יונגער פּאָעט נ. י. ב. ר. ח. ש. ה. נ. האָט דאָס אלין ניט באַמערקט. ער איז געווען צו פיל צופרידן מיט זיך אליין. אַט, למשל, איז אים זעהר געפעלן דאָס וואָס ער ווייסט נאָך אַליין ניט וואָס ער וועט טון אויפן אָווענט וואו ער וועט זיבער זיין דער הויפּט גאַסט. „פּאָעטן, טראַכט ער זיך, דאַרפן קיין פּראָגראַמען האָבן. וואָס זיינען זיי עפּעס, רעדנער, צי וואָס? עס געווענדט זיך אין דער שטימונג. . .

ער האָט פאַרוואָרפן א פוס איבער אַ פוס, פאַרקוקט זיך ערגיין אויף דער סטעליע' און געדאַנקעלאַך, גרינגינקע, גלעטענדיקע, האָבן זיך דורכגעשפּאַצירט אריין און ארויס דורך זיין צושויבערטען קאָפּ, ביז . . .

. . . ביז דער קאָנדוקטער האָט זיך מיט גרויס דרך־ארץ פאַרבויגען פאַר אים און אים אָנגעזאָגט אַז מען איז שוין אָנגעקומען. די פּלאַטפאָרמע איז געווען געפּאַקט מיט מענער פרויען און זויג־קינדער. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזען אויף דער טיר פון וואַגאָן האָט אויסגעבראָכן אַ פּלעסקעריי, און אַ קלאַפּעריי, און אַ שטופּעניש, אז ער האָט לאַנג געדאַרפט מאַכן סימנים מיט בײדע הענט אַז ער וויל עפּעס זאָגן . . . אז ער איז שטאַרק ברוגז דערפאַר . . . אז ער פאַרטראָגט ניט קיין צופיל כבוד . . . טאַקע באמת ברוגז איז ער . . .

דער סדר ווערט געפּראַוועט אין א גרויסער זאַל. פון זיין צימער וואו ער געפינט זיך גייט אריין א טיר אין גרויסן זאל אריין. ער כאַפּט א קוק דורכן שליסל־לאָך. (אפילו ניט שעהן פאַר אַ פּאָעט, אָבער קיינער וועט דאָך ניט וויסן.) ליכט פון אלערליי קאָלירן, בלומען, שיין געדעקטע טישען. צום עסן און טרינקען מכל טוב. אַלע ערטער שוין פאַרנומען. מענשען בעטען זיך מען זאָל זיי אריינלאָזען. נישטאָ וואוהין. איין שטול אויבנאָן איז ליידיק. מען וואַרט אויף אים. ער וועט ערשט אריינקומען שפּעטער. צו שפּוך־המתך . . . מען האָט זיך געריסען איבער דעם כבוד אויפצועפענען די טיר און אריינצולאָזען דעם מאָדערנעם אליהו הנביא . . .

. . .עפּעס אלע מענער זיינען אלטע, שלעפּענדיקע . . . די ווייבלאַך זיינען אלע יונגע,, שעהנע . . . די מענער קוקען אויפן עסן, שפּילען זיך מיט די לעפל און גאַפּעל . . . די יונגע, שעהנע ווייבלאַך וואַרפן אַלע מאָל אַ בליק צו דער טיר פון זיין צימער. .. זייערע מענער לאַנגווייליגען זיי. . . ווי קענען אַט די וואַכענדיקע מענער פאַרשטעהן די צאַרטע פרויען זייערע. .

זיי וואַרטען אלע אויפן פּאָעט. . . . פּראָווי־דענץ!

האָט פּלוצים דער קאָנדוקטאָר אויסגערופען. עס איז געוואָרען א יאָגעניש אין וואַגאָן, א ריסעריי איבער פּעקלאַך און רענצלאַך. דער יונגער דיכטער האָט שיעור ניט פאַרלוירען דעם קאַפּעליוש זיינעם. מען האָט אים געשטופּט צו דער טיר, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צורעכט מאַכען די האָר, פאַרשפּיעלען דאָס רעקעל און אָננעמען אַ פּאָזע אויף צו באַגריסען דעם גרויסן עולם וואָס האָט געטומעלט ארום דער טיר, האָט אים עמיצער אַ שטופּ געטאָן מיט אַ רענצעל און אים אַראָפּגעוואָרפען פון די טרעפּ, און דער קאָנדוקטער, האָט זיך נאָך צושריגען אויף אים אז ער שטעלט אָפּ דעם „טרעפיק". . .

עס איז אים אפילו קשה געווען, דעם יונגען דיכטער, וואָס ער איז געבליבען איינער אליין מיט זיין קליין רענצעלע. אזוי געטראַכט ביי זיך אפשר האָט ער אַ טעות געמאַכט און פאַרפאָרען אין אַן אַנדערער שטאָט. ער שטעלט אָפּ איינעם מיט קנעפּ און פרעגט ביי אים צו ווייסט ער ניט וואָס פאַר א שטעטל דאָס איז?

יענער הערט אויף צו קייען, קוקט זיך גוט איין אין אים.

—יאָפּ, דאָס איז פּראָווידענץ.

ער זעצט זיך וואַרטען. אפשר עפּעס א טעות אין דער צייט. מענשען קומען אָן, אנדערע פאָרן אוועק. יעדע 5 מינוט בייטען זיך די שכנים זיינע אויף דער באַנק. די ווייזערס אויפן גרויסן וואַנט־זייגער רוקען זיך לאַנגווייליג. ער וועט כאַפּען א שפּאַציער אויסקוקן דאָס שטעטל. ניש'קשה, נישט, זיי מעגן שוין איצט וואַרטען אויף אים. ער וועט זיי שוין געבען זייער חלק. אביסעל מעהר דרך־ארץ זאָלען זיי האָבען פאַר א אידישן דיכטער. מען דאַרף טאַקע מאַכן א נאָטיץ וועגען דעם און באַשרייבען די אידען פון פּראָווידענץ אז זיי זאָלען זיך שעמען פאַר דער וועלט די אויגען אויפצוהויבען.

ער זעצט זיך ווידער אויף דער באַנק, זוכט אַ שטיקל פּאַפּיר אין קעשענע און נעמט ארויס די טעלעגראַמע . . . ווי קומט זי אין קעשענע גאָר? ער וואָלט געשוואוירן אז ער האָט זי אוועקגעשיקט אין גרענד סענטראַל. עס ווערט אים קאַלעמוטנע אויפן האַרצען. ער כאַפּט א טעקסי און הייסט זיך אָפּפירען לויטן אַדרעס פון דער טעלעגראַמע. אין די הייזער אַרום איז שוין אָנגעצונדען ליכט. ער שטייט פאַר אַ הויז מיט בלינדע, שוואַרצע פענסטער. פון יעדן קוועטש וואָס ער גיט דעם קנעפּל ביי דער טיר ווערט צושאָטען א דין קלינגעריי איבער די ליידיקע צימערן אינווייניק. ער טראַכט אז ער וועט גיין געפינען א אידען און ביי אים זיך נאָכפרעגן וואו מען פּראַוועט עס ערגיין דעם דריטען סדר.

ס'איז געוואָרען שפּעט. און הונגעריג איז ער שוין געווען, און מיד אויך, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט ווען ער האָט דערזעהן די אותיות כ־ש־ר אויף א פענסטער פון א קראַם. דער איד דער קרעמער האָט אים אויסגעמאָלט ווי אַזוי צו טרעפען צום דריטען סדר און אויב ער וויל קען ער אים פאַרקויפען אַ בילעט אויך. ער האָט געקויפט צוויי, אָבער דאָס ווייבעל זיינס איז אליין אוועק אהין און ער קען ניט איבערלאָזען די קונים.

אין 2 מינוט ארום האָבען שוין די נאָזלעכער פון דעם יונגען דיכטער דערשמעקט א ריח פון הינער־פליייש, און די אויערן זיינע האָבען פאַרנומען די מוזיק פון לעפל, גאָפּל און מעסער. אָבער נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך רעכט ארומצוקוקן וואו ר איז אין דער וועלט, איז צו אים צו דער הויפּט מהותן פון סדר און אים ארויסגעשלעפּט צוריק פון יענער זייט טיר.

— דאָס זענט איר דער יאָ . . .

— יאָ, דאָס בין איך דער יונגער דיכטער נחום־יאנקל בן רב חיים־של . . .

— כ'זעה שוין, כ'זעה שוין, ווער איר זענט . . . הערט אייך, אינגערמאַן, איר זענט נישטאָ.

— וואָס הייסט כ'בין נישטאָ? כ'בין דאָך יאָ דאָ . . .

— איר זענט נישטאָ, זאָגט מען אייך. איר זענט קראַנק... פאַרשלאָפט געוואָרען און ניט געקענט קומען.

—שיקט מיר נאָר ארויס דעם חבר . . .

— דאָס איז ער טאַקע אליין. . . טאַקע איך בין עס. נאָט אייך א פינפערל און גייט אין האָטעל שלאָפען. . .

— כ'בין דאָך אָבער הונגעריק, האָט שוין דער יונגער דיכטער געזאָגט מיט אַזאַ רחמנות־פּנים אַז דער אידישער גזלן איז ווייכער געוואָרען און אים אריינגעלאָזט צום סדר.

דער יונגער דיכטער האָט געקעמפט מיט אַ הינערשען פליגל בשעת מען האָט פאָרגעשטעלט אַ וואונדער קינד, וואָס וואַקסט א צווייטער יאשא הפין, און וואָס איז אָנגעקומען מיט גרויס מיה צו קריגען אין דער לעצטער מינוט, צו פאַרנעמען דאָס ארט פון דעם יונגען דיכטער נחום־יאנקעל בן רב חיי שלמה הכהן, וועלכער איז צום באַדויערן פאַרשלאָפט געוואָר, פלוצים, און קאן ליידער ניט זיין מיט אונז . . .



## מאקס פיין

נאציאנאל טשערמאן פון געווערקשאפטען קאמפיין

איינער פון די שעהנסטע אידישע ארבייטער פירער אין אמעריקא. 40 יאהר געשטאנען אויפ'ן פאסטען און געטריי געדינט דער ארבייטער באוועגונג. איינער פון די ערשטע צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון דער וואונדערבארע ארבייט פון די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל און מיט מסירת נפש זיי געטריי געדינט, ביז אין דער לעצטער מינוט.

# למען ידעו

מיין ליבער פריינד יוד הלוין—פאלעסטינא

דיין בריוועל ריכטיג ערהאלטען און איך האב מיט אויפמערקזאמקייט געלייענט וואס דו שרייבסט וועגען דעם פארגאנגענעם יאר, פון די שוועריגקייטען וועלכע דו ביזט אויסגעשטאנען און וואס דיר ערווארטעט נאך דורכצומאכען אין דער צוקונפט.

מיט ספעציעלען אינטערעס האב איך געלייענט ווי דו ביטסט מיר איך זאל זיך זעהן מיט די פריינד און גענאסען פון ארבייטער רינג, און דו שרייבסט, אז אויב איך וועל זיי נאר אויפמערקזאם מאכען וועגען דער אויפגאבע וואס דו האסט זיך געשטעלט און די אידעאלען פאר וועלכע דו שטייסט, וואלטען זיי זיך געדארפט ארייגווארפען מיט לייב און לעבען דיר צו העלפען קריגען די נויטיגע געצייג און מאשינערי, וועלכע זיינען אזוי נויטיג צו דעם ערפאלג פון חלוצים.

פון דיינע ווערטער זעהט זיך ארויס אביסעלע א פעסימיסטישער געפיל, דיין צווייפעל איז דער זעלבער ווי פון יעדען פיאנער און ספעציעל א פיאנער פאר העכערע אידעאלען, בעט איך דיר מיין טייערער פריינד, פארצווייפעל ניט, געה אן מיט דיין ארבייט און דיין ערפאלג וועט זיין דיין בארעכטיגטער לוין. פון מיין זייט ווי פון דער זייט פון מיינע פריינד, מעגסטו זיכער זיין אז דאס בריוועל איז געווען אינגאנצען ניט נויטיג, ווארום אויב מיר אליין קענען ניט לעבען און ווירקען אין די ראמען פון די אידעאלען, וועלכע האבען פאר אונז באלויכטען דעם וועג אין די יונגע יארען, נאר האבען זיך אויסגעוועפט דא אין דעם „גאלדענעם לאנד“ איז אבער געבליבען א הייסער וואונש צו העלפען אויך דארטען ביי וועלכע די אידעאלען זענען נאך ביז היינט דער הויפט צוועק פון אייער ארבייט.

ס'טוט אפילו זעהר וויי, דיר זאגענדיג דעם אמת. וואס מיר שלאגען זיך דא אן אויף אזעלכע פון אונזערע אייגענע מענטשען, וועלכע דערשרעקען זיך פאר דעם געדיינק ארויסצוהעלפען אייך דארטען בלויז דערפאר וואס איר זייט אידען און נאך דערצו אין פאלעסטינא. פונקט ווי א אקס דערשרעקט זיך פאר א רויטער פאטשיילע, סטייטש זאגען זיי, למה יאמרו הגוים מיר סאציאליסטען זאלען זיך מישען אין אן ארבייט פון העלפען בילדען א נאציאן, זאלען זיי מיר מוחל זיין זיי דערמאנען מיר אין דעם ווערטעל: אז א משומד איז ערגער פון א גוי. זיי פארשטעהן ניט אז דאס וואס איז גאנץ נאטירליך פאר דעם פולבאוואוסטען דייטש, פריינצויז אדער ענגלישען סאציאליסט אין בעצוג צו זיין נאציאן דארף אויך לעבען אין אונז. איך האף אבער אז מיט דער צייט וועלען זיי זיך אויך ארומזעהן אז ס'איז שעהנער און בעסער פאר אונז אידען סאציאליסטען צו זיין א נאציאן איידער א סעקטע.

נאך אמאל, זיי מוטהיג און גיי אן מיט דיין ארבייט צום וועג פון ערפאלג וואו עס ווינשט דיר דיין פריינד פון ווייטען,

משה בן אברהם.
מעמבער ברענטש 14, ארבייטער רינג

# די בעקער יוניאן

די אידישע בעקער יוניאן בא אונז אין שטאדט [illegible] אין צאל, אבער מיט א געזונטען חוש, פאר אלעמען, וואס איז מענשליך. און וואס איז וויכטיג, זיי זענען ת[illegible] די ערשטע זיך אפצורופען אויף יעדען וויכטיגען רוף אה[illegible]טערשיעד, צו דער רוף קומט פון דער אלגעמיינער ארבייט[illegible] באוועגונג צו פון אידישע ארבייטער דא אין לאנד, צו פון די א[illegible]בייטער אין פאלעסטינא, צו אין רוסלאנד.

זיי זענען תמיד פון די ערשטע זיך אפצורופען ווען לאקאלע אינסטיטוציעס ווענדען זיך צו זיי, קיין אונטערשיעד צו ס'איז דער אידישער האספיטאל, אדער דער גמילת-חסד, א. א. וו. ענטפערען זיי ווי ווייט זיי קענען, און אמאל מעהר פון זייערע כחות.

לעצטענס האט זיך די לאגע פון דעם אידישען בעקער ארבייטער אביסעל פארבעסערט, און דאס איז נאר א דאנק זיין באוואוסטזיין אז מענשען קענען עפעס אויסקעמפפען, נאר ווען זיי זענען פאראייניגט, און נאך מעהר אנהאלטען דאס אויסגעקעמפפטע, איז נאר ווען זיי באלאנגען צו א יוניאן, וועלכע שטעהט אויף דער וואך אפצוהיטען זייערע אינטערעסען, און צו זיין גרייט צו פארטיידיגען זיי.

דאס אידישע פובליקום האט א סך צו פארדאנקען דער בעקער יוניאן פאר דעם ביסעל סאניטארישע באדינגונגען אין די בעקער שעפער, ווייל די אידישע בעקער יוניאן איז געווען די ערשטע, ניט נאר צו קעמפפען פאר זייערע עקאנאמישער לאגע, נאר טאקי אויך צו פאדערען ריינערע, סאניטארישע בעקער שעפער.

ס'איז ניט גענוג צו קויפען ברויט אין א שעהנער בעקער סטאר, אויב דאס ברויט איז געקניטען ניט אין קיין ריין פלאץ. אויב דאס ברויט איז געבאקען ניט אין קיין ריינעם בעקער שאפ. אויב דער בעקער וועלכער קניט און באקט דאס ברויט איז מיעד פון לאנגע שטונדען ארבייט, און האט ניט דאס מעגליכקייט אויסצורוהען זיך, און זיך צו האלטען ריין, דעמאלט עסט איר זיך אן מיט שמוץ וועלכעס ווירקט אויף אייער קערפער ניט ווייסענדיג אפילו, ווייל דאס ברויט איז געקניטען ניט מיט קיין וואסער נאר מיט שווייס.

מיט אייער קויפען ברויט אין א יוניאן בעקער שאפ העלפט איר, דעם בעקער ארבייטער אנצוהאלטען זיינע מענשליכע פאדערונגען, און איר העלפט זיך זעלבסט, צו עסען ריין ברויט, געזונד ברויט, און איר העלפט האלטען ריין, ניט נאר די בעקער סטאר, נאר אויך דעם „בעקער-שאפ“ וועלכער איז וויכטיגער און נויטיגער פאר אייך.

די אידישע ארבייטער האבען א מאראלישע רעכט צו פאדערען פון אייך, אז ווען איר קויפט ברויט זאלט איר קויפען נאר אין א יוניאן בעקער שאפ, ווייל ס'איז פון אייער טובה וועגען פונקט ווי פאר זייערער.

אלטער.

---

אין ארבייטער יום-טובים, און די קינדער קריגען א גרינטליכע דערציאונג אין דעם גייסט, וואס קאן אנגערופען ווערען מענטשלאך-פראגרעסיוו און אידיש-נאציאנאל.

דער פארבאנד פירט אויך אן א סיסטעמאטישע בילדונגס טעטיגקייט פאר דערוואקסענע, דורכפירענדיק אפט לעקציעס, קאנצערטען און קולטורעלע פארוויילונגען. דער פארבאנד ארגאניזירט אויך די אידישע ארבייטער פרויען אין באזונדערע פרויען קלובען. די קלובען זיינען גלייכבארעכטיגט אין דער ארגאניזאציע. דער הויפט געדאנק פאר דער ארגאניזירונג פון די קלובען איז, צו געווינען די אידישע פרוי פאר דער אידישער געזעלשאפטליכער און ארבייטער טעטיגקייט און דערוועקען ביי די פרויען דעם באוואוסטזיין, אז אלס גלייכער מיטגליד פון דער געזעלשאפט, האט זי אויך גלייכע פליכטען צו דער געזעלשאפט.

לעצטענס איז דער פארבאנד צוגעטראטען צו שאפען די ערשטע אידישע ארבייטער פארזיכערונגס און מארטגיידזש געזעלשאפט „הסנה“ אין ארץ ישראל, מיט מעגליכע אפטיילונגען אין אלע לענדער, וואו עס לעבען אידישע ארבייטער. דער פארבאנד נעמט אויף אלס מיטגלידער יעדען נאציאנאל פראגרעסיוון אידען, וואס האט אן אינטערעס צו אידישע און ארבייטער פראבלעמען און וויל אויך באזארגען זיך און זיין פאמיליע. דער אידיש-נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד האט זיך געשטעלט אלס ציעל צו ווערען אן ארגאניזאציע ארום וועלכער עס זאלען זיך גרופירען אלע קולטורעלע און ניציאנאל-סאציאליסטישע עלעמענטען אין אמעריקא.

# פראווידענסער

# פסח בלאט

ארויסגעגעבען אין די אינטערעסען פון די אידישע ארבייטער אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל

## פסח

דער ערשטער פרייהייטס-יום-טוב אין דער אל-וועלטליכער געשיכטע, וועלכער דערצעהלט אונז פון א פאלק וועלכעס איז געווען הונדערטער יאהרען פארשקלאפט און האט צו פרייהייט געשטרעבט, רעוואלטירט אקעגען זיינע אונטערדריקער און האט סוף כל סוף זיין פרייהייט בעקומען, איז דער יום פסח.

הונדערטער יאהרען וועגען די אידען פארשקלאפט געווען, געליטען א ביטער לעבען. אבער זייערע האפנונגען האבען זיי ניט אויפגעגעבען, זייער מוט ניט פארלירען, תמיד געשטרעבט א נארמאל פאלק צו ווערען, אויך אין אייגען לאנד, וואו זיי זאלען קענען עקאנאמיש ווי אויך גייסטיג אין אייגען לעבען פיהרען, ניט ארויסגעצוואונגען פון קיינעם, און ווען זיי האבען זיך בעפרייעט, האבען זיי דעם יום טוב פסח געפייערט.

פסח איז דער מוחס פון אלע אידישע ימים טובים, ווייל דאס פייערונג פון דעם יום טוב איז ניט נאר ווייל ער דערציילט אונז פון דעם עבר, נאר ווייל ער גיט אונז צו מוט און גלויבען, אז אויב מיר „וועלען וועלען," וועט אונזער שטרעבונג צוריק א נארמאל פאלק צו ווערען, צו קענען לעבען א נארמאל לעבען גייסטיג און עקאנאמיש, פריי נאך אונזער אייגענעם ווילען פארווירקליכט ווערען און מיר וועלען נאך א מאהל א פריי פאלק ווערען.